בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

סוכות
שבת חול המועד - תשפ"ב
גליון 59-60

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין גָאר גָאר הוֹיכֶע טֶעג פוּן יֶרַח הָאֵיתָנִים - אַ חֹדֶשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק אוּן פֶּעסְט מִיט אַסאךְ מִצְוֹת - בִּפְרָט דִי טֶעג צְוִוישְׁן יוֹם הַקָדוֹשׁ מִיט סֻכּוֹת. עֶס וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, אַז דִי פִיר טֶעג צְוִוישְׁן יוֹם הַקָדוֹשׁ מִיט סֻכּוֹת אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן דֶער חת"ם סוֹפֵר הָאט פוּן גְרוֹיס דְבֵקוּת גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי טֶעג נִגוּנִים פוּן דְבֵקוּת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

חז"ל דַרְשְׁ'נֶען אוֹיפְן פָּסוּק "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר (וַיִּקְרָא כג, מ) אַז בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן רוּפְט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג סֻכּוֹת ווייל דֶעמָאלְט אִיז רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲווֹנוֹת, ווייל בִּיז יוֹם טוֹב סֻכּוֹת אִיז מֶען פַארְנוּמֶען נָאר צוּ טוּן מִצְוֹת.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, כָאפְּט אַרַיין אִין דִי טֶעג וָואס מֶער מִצְוֹת, סַיי בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אוּן סַיי בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב א.א.וו.

דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דֶער תּוֹרָה "זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ", מֶען מַאכְט דְרַיי מָאל דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָינוּ, אֵיין מָאל דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט סֻכּוֹת, אוֹיפְן יו"ט סֻכּוֹת אַלֵיין. דִי צְווֵייטֶע מָאל בַּיים לוּלָב בֶּענְטְשְׁן. דִי דְרִיטֶע מָאל דִי נַאכְט פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דִי טֶעג פוּן סֻכּוֹת זֶענֶען טֶעג וָואס גִיסְט זִיךְ טַייכְן פוּן לִיבְשַׁאפְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ אוּנְז אוּן פוּן אוּנְז צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מִיר טָארְן חָלִילָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אַז יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַן אֵיינְצִיגְ קִינְד, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן יָמִים נוֹרָאִים "אָנוּ בָנֶיךָ וְאַתָּה אָבִינוּ..".

וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אָדֶער וֶוען מֶען הַאלְט דִי הֵיילִיגֶע ד' מִינִים, דַארְף מֶען זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת, אַז דִי פִיס זָאלְן זִיךְ הֵייבְּן אוּן גֵיין אַ טֶענְצְל (אוֹיב קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט




פוּן דֶעם) זִיךְ אוּנְטֶער בְּרוּמֶען אוּן אַרַיינְעמֶען אִין מַחֲשָׁבָה דֶעם אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְּן דֶערְלֶעבְּט אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָדוֹשׁ אוּן יוֹם טוֹב סֻכּוֹת, שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיט ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, דֶער תַּלְמִיד אוּן מְשַׁמֵּשׁ פוּן ר' נָתָן, אַז אֵיין יָאר הָאט זִיךְ ר' נַחְמָן אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' נָתָן אַז נָאכְן זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען אַ גַאנְצְן עֶרֶב יוֹם טוֹב צוּ בּוֹיעֶן דֶער סוּכָּה פִילְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין סֻכּוֹת.

המשך אויף די לעצטע זייט

# ר' יוֹנָה לֶעבְּל ז"ל

ווֶער עֶס אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן ר' יוֹנָה לֶעבְּל אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי גֶעשְׁטַארְקְט אוּן פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי ווֶען מֶען גִיסְט אָן אַ כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה, ווִיאַזוֹי ווַייסְט מֶען אַז עֶס אִיז שׁוֹין פוּל? ווֶען עֶס רִינְט אִיבֶּער דִי ווַיין! אַזוֹי אוֹיךְ אִיז ר' יוֹנָה גֶעוֶוען אָנְגֶעפוּלְט מִיט שִׂמְחָה אוּן חִיּוּת אַז ווֶער עֶס אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן אִים הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעפְּט פוּן זַיין שִׂמְחָה.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען זַיין דְבֵקוּת בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא מִין הִתְעוֹרְרוּת אַז מ'הָאט גֶעמוּזְט ווֶערְן נִתְעוֹרֵר אוּן דֶערְוַוארֶעמְט פוּנֶדֶעם. סְפֶּעצִיעֶל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין מִירוֹן ווֶען עֶר פְּלֶעגְט אוֹיסְשְׁרֵייעֶן דֶעם "מִן הַמֵּצַר" פַאר דִי תְּקִיעוֹת, זַייעֶנְדִיג דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ, דָאס הִתְעוֹרְרוּת ווָאס אִיז דַאן גֶעוֶוען בַּיים צִבּוּר קֶען מֶען בִּכְלַל נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן! (דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן ווֶען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קֵיין אוּמַאן).



ר' יונה, האלטנדיג די לעכט ביי א חופה פון א קינד

עֶס הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אָנְגֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע פוּן חֲשׁוּבֵי אנ"ש, אַז ווֶער עֶס הֶערְט דִי פְּסוּקֵי "מִן הַמֵּצַר" פוּן ר' יוֹנָה'ס מוֹיל, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר ווֶעט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער ווֶעלְט אָן תְּשׁוּבָה!

אִין דִי יָארְן ווֶען אַסַאךְ אִידִישֶׁע בָּחוּרִים זֶענֶען לֵיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן ווֶעג, זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי לח"י אוּן אצ"ל גְרוּפֶּעס, פְּלֶעגְט ר' יוֹנָה מִיט זַיינֶע הַארְצִיגֶע אוּן ווַארִימֶע דִיבּוּרִים - ווָאס אִיז אַרוֹיס פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן זַיין נְשָׁמָה - זֵיי אָפְּרַאטֶעוֶוען, אִין זַיין זְכוּת זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ יְרוּשַׁלַיְמֶ'ער בָּחוּר'ל ווָאס אִיז לֵיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן ווֶעג, ר' יוֹנָה הָאט אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט עֶר זָאל מִיטְקוּמֶען מִיט אִים קֵיין מִירוֹן צוּם קִבּוּץ. דִי גֶעשְׁרֵייעֶן בַּיי דִי ווֶערְטֶער "מִן הַמֵּצַר" הָאט זַייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם בָּחוּר'ס הַארְץ, אַז צוּם קוּמֶענְדִיגְן יָאר אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּפָארְן קֵיין מִירוֹן.

אָבֶּער שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן אִיז עֶר לֵיידֶער גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶערֶעדְט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן גֶעפָארְן קֵיין פְרַאנְקְרֵייךְ. פוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעוָואלְט פָארְן קֵיין אַמֶערִיקֶע זִיךְ לָאזְן ווָאוּילְגֵיין. עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ טִיקֶעט אוֹיף אַ שִׁיף ווָאס פָארְט אַהִין. ווָאס עֶר הָאט פַארְגֶעסְן זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אִיז אַז דֶער דַאטוּם ווֶער עֶר הָאט גֶעזָאלְט אַרוֹיסְפָארְן קֵיין אַמֶערִיקֶע אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶר זִיצְט שׁוֹין אוֹיפְן שִׁיף, עֶס פְלִיעֶן אִים אַדוּרְךְ זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַז עֶס אִיז עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶרְגֶעץ וואו אִין מֹחַ קְלִינְגְט אִים דָאס קוֹל פוּן ר' יוֹנָה, דִי פְּסוּקִים פוּן מִן הַמֵּצַר פַאר דִי תְּקִיעוֹת. עֶס הָאט אִים בַּאפַאלְן אַ שְׁרֶעק, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ. "אִיךְ מוּז זֶען אַ ווֶעג אַרוֹיס פוּן דֶעם שִׁיף!" עֶר הָאט נָאךְ בַּאווִיזְן דֶעם לֶעצְטְן מִינוּט צוּ אַרָאפְּשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶעם שִׁיף, לוֹיפְנְדִיג אַרוּם דִי גַאסְן פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ ווִי עֶר הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט מִיט דַאוֶוענֶען. ווֶען צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶעְרט צוּ אִידִישְׁקֵייט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מִשְׁפָּחָה לְתִפְאֶרֶת, קִינְדֶער מִיט אֵיינִיקְלֶעךְ יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים.

ר' יוֹנָה פְלֶעגְט שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִיס לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן צוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדוֹת יוֹם־טוֹב פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ ווֶעלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם קִבּוּץ, שְׁפֶּעטֶער ווֶען אַלֶע מִידֶע גֶעסְט הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעלֵייגְט אוֹיף דִי גֶעלֶעגֶער, אִיז ר' יוֹנָה אַרָאפּ צוּם מְעָרָה פוּן רשב"י אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט אַ

זיסקייט און דביקות: " ונפשי שפכי כמים לבך, ונפשי שפכי..." מאכנדיג נאס די באלאטעס פונעם הייליגן ציון מיט זיינע טרערן.

ר' יונה מיט זיין זיסע שפראך האט געהאט די ריכטיגע ווערטער צו יעדן איד, ווען ער האט אמאל זיך געבעטן צו א בחור'ל וואס איז נעבעך געגאנגען אויף קרומע וועגן: "ברודער ראטעווע זיך! נעם א תהלים'ל און רעדט זיך אויס דיין הארץ?!" אזוי רעדנדיג צו די תאוות וואס דער בעל דבר וויל דעם בחור פארשלעפן - "פאר וועמען פארקויפט מען זיך? פארוואס פארקויפט מען זיך?" גאר אסאך אינגע בחורים זענען אים שולדיג פאר זייער אידישקייט וואס איז צושטאנד געקומען נאר דורך זיין ווארעמע און ליבליכע חיזוק רייד.

ווער עס איז נאר מיטגעפארן אויף די באן מיט ר' יונה פון ירושלים קיין חיפה פארנדיג קיין מירון, האט בייגעוואוינט וויאזוי ר' יונה נעמט ארויס גרויסע פישקעס דזעם (איינגעמאכטס) מיט שטיקער ברויט וויפיל עס פעלט נאר אויס, קאנזערוון (קענס) פון זויערע איגערקע מיט זיתים, און טיילט פאר אלעמען מיט אזא ליבשאפט, באגלייט מיט אזעלכע זיסע נגונים, - זייענדיג גאר א וואונדערליכער בעל מנגן - אנקומענדיג קיין מירון האט מען עקסטער באקומען א ליבליכע קבלת פנים צו קומען איבערבייסן, ווער ר' יונה שטעלט צו דאס עסן מיט שמחה מיט ווערטער וואס הייבן אלעמען צו די הויכע ספערן.

איינע פון די נסיעות קיין מירון איז ר' יונה צוגעגאנגען צום דרייווער פונעם באס, וואס איז גראדע געווען א פרייער איד. ר' יונה זאגט אים: "דו ווייסט - טייערער חבר - די זכיה וואס דו האסט צו פירן אזעלכע ערליכע אידן צדיקים מיט תלמידי חכמים" ער הייבט אן אויסרעכענען איינעם איינעם ביים נאמען, יעדער מיט זיינע מעלות א.א.וו, ווען דאס הארץ פונעם פרייער דרייווער ווערט אויפגעפלאקערט פון די ווערטער, פרעגט אים ר' יונה: "דו ווילסט האבן מער מצוות פון די אלע אידן וואס זיצן דא?" - "וויאזוי?" - פרעגט דער פרייער איד. ענטפערט ר' יונה: "ווען מען טוט תשובה, ווערן פון אלע עבירות זכיות. ווער ווי דו אליין ווייסט וויפיל עבירות די פארמאגסט..." די ווערטער זענען אריין אין דעם פרייער איד'ס הארץ" "ס'איז טאקע אזוי?" ר' יונה גיסט נאך און נאך ווערטער פון התחזקות ביז דער דרייווער וואס האלט אן דעם רעדל רופט זיך אן: "איך בין זייער איבערגענומען, נאך א מינוט פארליר איך קאנטראל אויף די ברעקס פונעם אוטאבוס."

איין יאר יום כפור ווען ר' יונה איז געווען זייער אפגעשוואכט פונעם פאסטן, האט ער זיך אזוי צורעדט צו זיין גוף: "געב א קוק, איין טאג איך געב דיר נישט קיין עסן, קוקסטו שוין אזוי אויס?".

ער פלעגט זיך צומאל אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל און זאגן מיט בענקשאפט: **"רבונו של עולם, איך וויל דיר אזוי שטארק דינען, אבער מיין פארגרעבטער גוף, דער יצר הרע לאזט נישט...** ווען עס פאלן אים טרערן פון זיינע אויגן."

ר' יונה האט טאקע געהאט א ספעציעלע תמימות צו רעדן צום אויבערשטן אויף יעדן ארט, צו יעדן צייט איז זיין מויל נישט געשטאנען ליידיג, נאר גערעדט שטענדיג צום באשעפער ווי א קינד רעדט צו זיין טאטן.

אין אלט שטאט, אויפן דאך פון די הייזער פון בתי מחסה, וואוינט ר' יונה לעבל, דארט צווישן די רינדעכיגע דעכער האט ער אויפגעשטעלט צוויי סכות און אריינגענומען אנשי שלומנו ביים יארצייט פון היילגן רבי'ן ח"י תשרי, ר' אברהמ'לע שטערנהארץ ז"ל און נאך פון אנ"ש פלעגן זיצן אין איין סוכה און דער איבעריגער צבור אינעם צווייטן סוכה, ער האט נאך צוגעבארגט פונעם שכן א דריטע סוכה צו קענען אריינעמען אלע געסט. ווען ר' יונה איז נאר אריינגעקומען אין סוכה טיילן עפעס פרישע מאכלים איז אריין א נייע גייסט אן התעוררות, עפעס א פרישע ניגון וואס האט אלעמען געהויבן.


בתי מחסה



# ביים רבין פארלייגט מען נישט

ר' חיים, דער שווער פון ר' יצחק ברייטער, האט געהאט א גרויסע ביזנעס פון פארקויפן ביר, ברוינפן א.ד.ג. א גוי האט מחליט געווען צו ווערן זיין קאנקורענץ, און ר' חיים'ס פרנסה איז געגאנגען בארג אראפ. דער גוי איז אבער נישט געווען צופרידן מיט דעם, ער האט נאר געוואלט אינגאנצן אפרוימען ר' חיים פון וועג, האט ער ארומגעארבעט א בלבול אז ר' חיים איז אים שולדיג א ריזיגע סכום געלט, און וויבאלד ער קען עס נישט באצאלן מוז מען אים צונעמען זיין גאנץ פארמעגן און זיין דאך איבערן קאפ.

אלץ לעצטע מיטל צו ראטעווען זיין פארמעגן האט ר' חיים איבער געשריבן זיין גאנצע פארמעגן אויף זיין איידעם'ס נאמען - אז אלעס באלאנגט צו ר' יצחק ברייטער. דער רשע איז נישט געווען צופרידן און אריינגעגעבן א קלאגע אין בית משפט און פארשאפט פאלטשע עדות וואס זאל עדות זאגן אז ס'איז א ליגנט אז די פארמעגן געהערט צו ר' יצחק. אין גרויס פארגעלעגנהייט האט ר' חיים געשלעפט זיין איידעם צו א גרויסן אדוואקאט, זען ווי אזוי ער קען ראטעווען דעם מצב, דער אדוואקאט האט ערקלערט אז ס'נישטא א צווייטע ברירה, נאר אז ר' יצחק אליין זאל קומען אין בית משפט און זאגן אז ס'איז בכלל נישט זיין שווער'ס - נאר ס'איז זיינס.

ר' יצחק האט גערן מסכים געווען, אבער איין בליק אויפן דאטום פון די געריכט האט אלעס אוועק געמאכט, די טאג איז אויסגעפאלן ערב ר"ה. ר' יצחק האט געמאכט א שנעלע חשבון,"וואס איז דאס אז אלעס איז אפהענגיג נאר אין מיר, און די הצלחה'דיגע אויסקום ווענדט זיך דווקא נאר אין מיין "נישט" גיין צו אומאן אויף ר"ה?! עס מוז זיין נישט עפעס אנדערש נאר אז די גאנצע מעשה איז אנגעדרייט פון דעם בעל דבר אליין מיך אפצוהאלטן פון אזא גרויסע זאך צו פארן צום רבי'ן אויף ר"ה.

גלייך האט ער אנטשלאסנערהייט געזאגט פאר זיין שווער אז ס'איז נישטא פון וואס צו רעדן, ער וועט דאס יאר זיין ערב ר"ה ווי אלע יארן - אין אומאן. דער אדוואקאט האט געזען ווי זיי רעדן עפעס צווישן זיך האט ער זיך אינטערעסירט, "וואס רעדן ענק?" ווען ער האט געהערט אז ר' יצחק פלאנט אוועקצופארן פונקט יעצט אין אזא קריטישע, גורל'דיגע צייט האט ער געקרימט אויף דעם יונגן ר' יצחק, "נישט אנדערש ווי ער איז א משוגענער! ער האט קיין שכל נישט!" און צו זיין שווער האט ער געזאגט: "אויב אזוי, האסטו בכלל נישט קיין אויסזיכט צו געווינען... אלעס איז פארלוירן".

דער שווער, ר' חיים איז געווען זייער אנטוישט און מלא טענות אויף זיין איידעם, אבער ר' יצחק האט אפילו נישט געהאט צייט זיך צו מתווכח זיין - ער מוז שנעל פארן אנצויאגן צו זיין ביים ציון ערב ר"ה... ער איז גלייך געגאנגען צו זיינע חברים און זיך ארויס געלאזט אין וועג.

אינצווישן האט דער רשע, פארשטאנען אז זיין גאנצע ארבעט קען גיין לאיבוד

אויב דער ר' יצחק וועט קומען אין
געריכט טענה'ן אז די הויז און פארמעגן
איז זיינס, איז ער געלאפן צום פוילישן
מיליטער און גע'מסר'ט אז ר' יצחק האט
זיך ארויסגדרייט פון דינען אין מיליטער
דורך פאלשע פאפירן - ער איז פשוט א
פאברעכער צום מיליטער.

יענע נאכט - א נאכט פאר ערב ר"ה, איז א
גאנצע אפטיילונג פון סאלדאטן געקומען
צו ר' יצחק'ס שטוב אים צו כאפן אין תפיסה
אריין. זיי האבן ארומגערינגלט זיין גאנצע
הויז אז ער זאל נישט קענען אנטליפן, און
געקלאפט מיט פחד'דיגע זעצעס אין טיר,
און געפאדערט שוין ארויסצוגעבן דעם
פאברעכער! די וויב, א דערשראקענע
צום טויט, האט קוים ארויסגעשטאמלט
"ער איז נישטא, כ'ווייס נישט וואו ער
איז", זיי האבן איר נישט געגלייבט און
אויסגעלאכט און איבערגעדרייעט די
גאנצע שטוב, און ווען זיי האבן געזעהן אז
ער איז טאקע נישט צום געפונען (ער איז
דאך געווען אויפן וועג צו אומאן) זענען
זיי זיך אוועקגעגאנגען מיט ליידיגע הענט.

דער שווער, וואס איז געווען מלא טענות
אויף ר' יצחק איז יעצט געווען צופרידן אז
זיין איידעם ר' יצחק איז נישט דא, אויב
וואלט ער דא געבליבן, נישט נאר וואס
ער וואלט אים נישט געקומען עדות זאגן
ביים משפט, נאר ער וואלט זיכער געווארן
איינגעזעצט אין תפיסה אדער ווער ווייסט
אויב ער וואלט פאראורטיילט געווארן צו
פארלירן זיין לעבן!

אויפן פלאץ האט מען געשיקט א
טעלעגראם קיין אומאן צו מודיע זיין וואס
עס האט פאסירט, אז ר' יצחק זאל ביז


פוילישע מיליטער

דערווייל בשום אופן נישט אהיימקומען.

ר' יצחק איז געווארן אויפגעציטערט און
באגייסטערט צו זען אביסל פון דעם רבי'ס
וואונדער, ווי דער רבי אליין האט געזאגט,
"ביי מיר האט נאך קיינער נישט דערלייגט",
ער איז געלאפן צום ציון, געדאנקט און
געבעטן אויף ווייטער פאר זיין מצב און זיין
שווער'ס ישועה.

ערב ר"ה אין געריכט הויז האט דער
פאלטשער עדות, וועמען דער גוי האט
אונטערגעקויפט, פארדרייט די עדות. מען
האט אים געפרעגט אויב ער קען ר' יצחק
האט ער געענטפערט אז יא אבער ער
ווייסט נישט אויב ער האט פארמעגנס
אדער נישט. און דער גאנצער געריכט איז
געווארן אויס ווייל דער משפט איז געווען
באזירט אז ר' יצחק האט נישט קיין רכוש
און זיין פארמעגן וואס איז אויף זיין נאמען
איז באמת זיין שווער'ס.

שפעטער איז אויך דער פראבלעם מיטן
מיליטער געלייזט געווארן דורך השתדלות
ביים מיליטער.

און דער גוי? וואס איז געווארן מיט אים.
האט ער ווייטער געפירט זיין ביזנעס קעגן
ר' חיים? אויך דאס איז געלייזט געווארן.
דער גוי האט אנגעזעצט זיין גאנצע ביזנעס
און באנקראטירט. מער האט ער א ביר
פאבריק נישט געהאט. ר' חיים איז צוריק
געווארן דער איינציגסטער וואס פארקויפט
ביר אין יענע געגנט און צוריק געווארן א
גביר.

ר' יצחק האט פארשטאנען אז די גאנצע
מעשה פונעם גוי און די געריכט איז נאר
געווען צו מאכן פאר אים א נסיון נישט צו
פארן קיין אומאן. און ווען ער האט נישט
געקוקט דערויף און בייגעשטאנען די נסיון
האט דער רבי ממתיק געווען אלע דינים און
ס'איז געווארן א גאנצע ישועה.

1א - קוקן אויפן אתרוג איז א רפואה פאר אויגן ווייטאג?
1ב - אויב מען וויינט ימים נוראים קען מען באקומען א שענערע אתרוג?
1ג - אידן געבן אויס געלט פאר אן אתרוג מער ווי א אנדערע מצוות?
1ד - איז דער רבי' געווען ביים כותל המערבי, ביי זיין באזוך אין ארץ הקודש?
1ה - האט דער רבי' געוואלט מען זאל מאכן די סוכה מיט אסאך חומרות?
1ו - דער רבי' רעדט פון א סגולה צו טראגן מיט זיך בלעטער פון הושענות?
1ז - האט דער רבי' געזאגט הלל חול המועד, די לעצטע טאג פון זיין לעבן? (ימי מוהרנ"ת א' ס"ב)
1ח - איז דא אין ליקוטי מוהר"ן א תורה וואס רעדט פון סוכות?
2א - די תפלה וואס איז דא נאכן תיקון הכללי, האט ר' נתן געשריבן?
2ב - איז הושענא רבא דער עיקר דאס אויפזיין?
2ג - האט דער רבי' ארייגנעקוקט אין ר' נתנ'ס אויג פאר א לענגערע צייט פאר'ן רבי'נס הסתלקות?
2ד - דער רבי' איז געווען פרייליך דריי טעג אין א צי' און גארנישט געשפירט זיין קרענק
וועגן די שמחה פון זיין אתרוג, איז עס געווען יאר תקצ"ח? (שיחות הר"ן קכ"ה)
2ה - איז ר' נתן געשלאפן דאס לעצטע נאכט פארן רבי'נס הסתלקות?
2ו האט דער ספר ליקוטי מוהר"ן באקומען א הסכמה פונעם הייליגן חוזה?
2ז האט ר' נתן געלאזט שיכור'ן שמחת תורה?
2ח האט דער רבי' נאך זוכה געווען צו זען דעם הייליגן "תולדות יעקב יוסף"?
3א האט דער רבי' געהאט עליות וירידות ווען ער איז געווען יונג?
3ב האט דער רבי' זוכה געווען צו זען דעם הייליגן בעל שם טוב?
3ג איז ר' נתן געווען א תלמיד פון ברדיטשובער רב?
3ד האט ר' נתן געלערנט קבלה ספרים?
3ה האט ר' נתן משמש געווען דעם הייליגן ר' אלימך מליזענסק?
3ו איז ר' נתן געווען אין מצרים? (ימי מוהרנ"ת חלק שני קי"ג)
3ז האט ר' נתן זוכה געווען צו לולב בענטשן אויפן שיף אהיים פון ארץ ישראל נאכדעם ווען אלע האבן זיך מייאש זיין צו האבן ארבע מינים?
(ימי מוהרנ"ת חלק שני ק"פ)
3ח האט ר' נתן געהערט שופר בלאזן אויפן שיף, אויפן וועג אהיים פון ארץ ישראל? (ימי מוהרנ"ת חלק ב' קע"ה)

מראה מקומות (ספר המידות אות ראיה, רפואה), (שיחת הר"ן אות פ"ז), (שיחות הר"ן קכ"ה), (ספר המידות דרך) (ימי מוהרנ"ת חלק א' ס"א), (ימי מוהרנ"ת חלק א' נ"ט)



**ענטפער**
**די שאלות. אויב די**
**ענטפער איז יא, פיל אן די**
**קעסטל שווארץ, אויב די ענטפער**
**איז ניין, לאז עס ליידיג. עס וועט דיר**
**אויסקומען עפעס וואס דער רבי' האט**
**געוואלט אז מען זאל זיין!**



| | א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | | | | | | | |
| 2 | | | | | | | | |
| 3 | | | | | | | | |

**די בחינות קען מען מאכן ביז ערב שבת חול המועד**

# ניינטע מעשה

# מעשה פון דער חכם מיטן תם (4)



**מיין תמימות, האט מיר געבראכט צו אזוי א גדולה מיט אסאך הצלחה!!**

**א. וואס האט נאך געזאגט דער חכם פארן חכם השני דער שליח פון מלך?**
- ❑ אז נישט דער מלך האט דיר געשיקט נאר איינער פון די באדינערס.
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך איף די וועלט.
- ❑ דער מלך האט נישט געמיינט באמת מיר צו רופן.

**ב. צו דען האט דער חכם דער שליח פון מלך, געזען אמאל דער מלך ?**
- ❑ ניין .
- ❑ יא.
- ❑ איינציגע מאל.

**ג. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דער שליח פון מלך ווער דען פירט די מדינה ?**
- ❑ דער מיניסטער.
- ❑ דער מלך.
- ❑ די זיבעציג ראטהיירין (שרי יועצים).

**ד. וואס נאך האט דער חכם געזאגט פארן צוויטן חכם דער שליח פון מלך?**
- ❑ קום לאמיר פארן אויף דער וועלט.
- ❑ קום לאמיר עפעס עסן.
- ❑ קום לאמיר גיין צום תם און אים אויף ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**ה. וואס האט פאסירט מיט די חכמים נאך וואס זיי זענען געפארן אויף דער וועלט ?**
- ❑ זיי זענען זייער רייך געווארן.
- ❑ זיי האבן מצליח געווען צו באווייזן פאר די וועלט אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט .
- ❑ זיי זענען געווארן קבצנים פוס גייערס.

**ו. צו וועלכע שטאט זענען די חכמים אן געקומען אין זייער וועג?**
- ❑ אין די שטאט וואס דער חכם איז געבוירן
- ❑ אין די שטאט וואס דער תם וואוינט דארט.
- ❑ אין די שטאט וואס דער מלך וואוינט דארט.

**ז. וואס האבן די חכמים געזען אין פארנט פון דער בעל שם'ס שטוב ?**
- ❑ גרויסע הייליגע צדיקים.
- ❑ דער תם האט דארטן געווארט אויף אים.
- ❑ אסאך וועגעלעך מיט חולים.

**ח. וואס האט דער חכם געמיינט אז ווער וואוינט דארט ?**
- ❑ דער תם.
- ❑ א דאקטער.
- ❑ דער מלך.

**ט. פארוואס האט דער חכם געוואלט אריין גיין צו דעם בעל שם?**
- ❑ ווייל ער האט געוואלט א ברכה פון צדיק.
- ❑ ווייל ער האט געוואלט מוכיח זיין פארן בעל שם אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ ווייל ער האט געמיינט אז דארט וואוינט א דאקטער, און ער האט געוואלט זיך מיט אים דערקענען.

**י. וואס האט דער חכם געזאגט ווען ער האט געהערט אז עס וואוינט דארטן א בעל שם?**
- ❑ דאס איז נאך א ליגן און א נארישקייט.
- ❑ דאס איז נאך מער נארישקייט איידער דער טעות פון דעם מלך.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יא. וואס האבן די חכמים געטאן אין גאר קעך (בית התבשיל)?**
- ❑ זיי האבן געשפעט פן דעם אז עס איז דא א מלך.
- ❑ זיי האבן געשפעט פן דעם בעל שם.
- ❑ זיי האבן געבעטן אסאך עסן.

**יב. וואס האט זיי געזאגט דער גאר קעכער?**
- ❑ זיי זאלן שנעל ארויס גיין פון גאר קעך.
- ❑ עסט אייך אפ און גייט ארויס פון דאנט.
- ❑ מען טאר נישט רעדן אינמיטן עסן.

**יג. וואס האט זיי דער גאר קעכער געטאן נאך ווען דער זון פון דער בעל שם איז אריין געקומען?**
- ❑ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער פקיד (דער גוי) געטאן פאר די חכמים אויף דעם וואס זיי האבן גערעדט אויפן בעל שם?**
- ❑ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**טו. וואס האט דער תם (דער מיניסטיר) געזאגט צום חכם ווען ער איז געקומען צו אים ?**
- ❑ זעה צו וואס מיין תמימות האט מיך געבראכט צו אזא גדולה.
- ❑ זעה צו וואס דיין חכמה האט דיך געבראכט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוייל פון די מעשה?**
- ❑ אז תמימות ברענגט א מענטשן צו אזא גדולה.
- ❑ אז חכמות ברענגט א מענטשן צו עניות.
- ❑ ________________________________.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן מַחְזוֹרִים, פַאר אִיךְ הָאב זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועגְן צוּ אַיינְקוֹיפְן, הָאב אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצָה, "גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה", הָאב אִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן פּוּנְקְט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן וָואס אִיךְ דַארְף.

אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט, צוּ קוֹיפְן אַ סֶעט מַחְזוֹרִים, אוּן נָאךְ זַאכְן, אִיךְ גֶעב אִיבֶּער מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאב אִין טַאשׁ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פַארְקוֹיפְט רוּפְט זִיךְ אָן צוּ מִיר: "אִינְגְל, דוּ הָאסְט סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא!" דִי גֶעלְט



וָואס דִי הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן קוּמְט אוֹיס פּוּנְקְט וָואס דוּ דַארְפְסְט מִיר צָאלְן, עֶס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט אֵיין פְּרוּטָה וֵוייבִיגֶער אָדֶער אֵיין פְּרוּטָה מֶער, עֶס אִיז פּוּנְקְט דִי סְכוּם גֶעלְט!

פוּן דֶעם זֶעט מֶען וִוי קְלָאר דֶעם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער זֶענֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט: מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה! אוּן גְלַייךְ הָאב אִיךְ גֶעזֶען דִי יְשׁוּעָה. עֶס אִיז דָא מָאל וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה אוּן עֶס אִיז דָא מָאל וָואס מֶען זֶעט עֶס יָא גְלַייךְ.

חַיִים בָּרוּךְ

אִיךְ הָאב זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן הַפָּצָה, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן הָאט מִיר דֶער יצה"ר פַארְדְרֵייט אַ קָאפּ אַז עֶס אִיז בּוּשׁוֹת, מֶען גֵייט מִיר אוֹיסְלַאכְן... א.א.וו

אָבֶּער אִיךְ הָאב גֶעוואוּסְט אַז אוֹיב אִיךְ ווִיל, אוּן אִיךְ הָאב נָאךְ אַ רָצוֹן אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ וֶועל אי"ה נָאךְ אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, דֶערְפַאר הָאב אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ זָאל יָא הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט



צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אוּן בָּרוּךְ ה' פְּלוּצְלִינְג הָאב אִיךְ גֶעפִילְט אַ שְׁטַארְקֵייט וָואס בְּלָאזְט אַרַיין אִין מִיר, אִיךְ הָאב פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז מִיר גֶעגַאנְגֶען. אַזוֹי וַוייט, אַז אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, נָאר מִיטְן כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה!

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְן אַרַיינְלֵייגְן מַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאף עֶס וֶועט מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַּרְגָּה אוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת.

אלימלך


בס"ד

# בקרוב!!

**וועט זיין צובאקומען, דאס הערליכע ביכל.**

"מיין מעשהל'ע" איז א זאמלונג פון אמת'ע מעשיות וואס האט זיך אפגעשפילט מיט טייערע ברסלב'ע קינדער. דאס ביכל איז באצירט מיט שיינע בילדער און קלארע אותיות, וואס וועט זיין געאייגנט אפילו פאר קליינע קינדער.

*טייערע קינדער, צ'ייט מתפלל איר זאלט קענען שיקן בקרוב דוס דרוק!*



# לגאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די ניינטע מעשה (5)
## דער חכם מיט'ן תם
**(די בחינות איז פון מוצ"ש חול המועד)**



האסטו געוויסט אז די ד' מינים זענען געווער (כלי זיין) קעגן דעם יצר הרע?? (ליקוטי הלכות שבת ז)

**א. וואס נאך האט דער תם געזאגט פארן חכם?**
- ❑ איך בין אויף דיינעם שוין לאנג געקומען (צו חכמה).
- ❑ דו ביסט נאך נישט געקומען אויף מיינעם (תמימות).
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. וואס נאך האט דער תם געזאגט פארן חכם ?**
- ❑ עס איז מער שווערער אז דו זאלסט אן קומען צו מיין תמימות.
- ❑ עס איז מער שווערער פאר א תם צו אן קומען צו די חכמה פון א חכם.
- ❑ עס איז שווער פאר א חכם צו זיין א תם, און עס איז שווער פאר א תם צו זיין א חכם.

**ג. וואס האט דער תם געענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט אז עס איז נישטא קיין מלך בעולם ?**
- ❑ ער האט א געשריי געטאן, איך אליין האב געזעהן דעם מלך.
- ❑ ער האט אים געזאגט גלאסען, איך האב אליין געזעהן דעם מלך.
- ❑ ער האט אים געזאגט, יעצט גיי אוועק פון מיין הויז.

**ד. ווער האט געשיקט רופן דעם חכם מיטן תם?**
- ❑ דער מלך.
- ❑ דער בעל שם.
- ❑ דער טייוול (דער נישט גוטער).

**ה. וואס האט דער בעל שם געגעבן פארן תם, און וואס האט ער אים געזאגט ?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א טייערער ספר, און האט אים געזאגט, ער זאל לערנען אין דעם.
- ❑ ער האט אים געגעבן קמיעות און שמירות, און האט אים געזאגט אז היינט וועט ער זיך שוין גאר נישט שרעקן .
- ❑ ער האט אים געגעבן געלט און האט אים געזאגט ער זאל לייגן אין צדקה וועט ער זיך נישט שרעקן.

**ו. וואס האט דער חכם געזאגט פארן תם, ווער איז דער וואס האט געשיקט רופן נאך זיי?**
- ❑ דאס איז בוודאי דער טייוול
- ❑ דאס איז בוודאי א שליח פונעם קעניג.
- ❑ דאס איז בוודאי מיין ברודער.

**ז. פארוואס האט שוין דער תם נישט מורא געהאט דעם צווייטן מאל וואס דער טייוול האט געשיקט רופן נאך זיי?**
- ❑ ווייל דאס ערשטע מאל האט גארניש פַּאסירט.
- ❑ ווייל דער חכם האט געזאגט אז מען דארף נישט מורא צו האבן
- ❑ ווייל ער האט גענומען א שמירה פונעם בעל שם.

**ח. וואס האט דער חכם געזאגט פארן תם, די צווייטע מאל וואס דער טייוול האט זיי געשיקט רופן?**
- ❑ דאס איז דער טייוול און ער וויל אונז דער שרעקען.
- ❑ דאס איז א שליח פונעם מלך וואס ער האט אונז פיינט.
- ❑ דאס איז מיין ברודער וואס ער איז ברוגז אויף מיר.

**ט. וואס האט דער טייוול געטאהן פאר די חכמים?**
- ❑ ער האט זיי געהאקט  שטארקע מכות.
- ❑ ער האט געכאפט די חכמים און האט זיי אריין געטראגן אין א בלאטע אריין מיט א ליים.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פונעם שטוב.

**י. וואס האבן די חכמים געשריגן פון די בלאטע?**
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ זיי ווילן תשובה טאן.
- ❑ רשעים פארוואס טוט איר אונז אן יסורים.

**יא. די חכמים האבן געגלייבט אז עס איז דא א טייוול אויף די וועלט?**
- ❑ נאך וואס דער טייוול האט זיי געטאהן יסורים האבן זיי געגלייבט.
- ❑ זיי האבן נישט געגלייבט, זיי האבן געזאגט אז די רשעים מאכן אונז די יסורים.
- ❑ זיי האבן געגלייבט אז עס איז דא א טייוול, נאר זיי האבן געזאגט אז די רשעים מאכן אונז די יסורים.

**יב. וואס האט זיך דער תם דערמאנט ווען ער איז אריבער געגאנגען פאר די שטוב פון דער בעל שם?**
- ❑ אז עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט.
- ❑ אז אמאל פלעגט ער מאכן שיך מיט דריי עקן.
- ❑ אין זיין חבר דער חכם.

**יג. וואס האט דער תם געבעטן פון דער בעל שם?**
- ❑ אויב ער קען אים ווייזן דעם חכם.
- ❑ אויב ער קען ארויס נעמען דעם חכם.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער חכם געשריגן ווען ער האט געזעהן דעם תם?**
- ❑ זעה זיי שלאגן מיך און פייניקן מיך אומזיסט.
- ❑ זעה אז עס איז נישטא קיין טייוול אויף דער וועלט.
- ❑ זעה אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**טו. ביים סוף האבן די חכמים מודה געווען אז עס איז דא א מלך און א צדיק אויף דער וועלט ?**
- ❑ ניין.
- ❑ יא.
- ❑ זיי האבן געמוזט מודה זיין.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**
- ❑ אז מען דארף בעטן פאר השי"ת צו זוכה זיין, צו זיין א תם.
- ❑ אז עס איז שווער פארן חכם צו זיין א תם.
- ❑ ________________________________.

**עֶר הָאט גִימוּזְט מוֹדֶה זַיין... אַז סֶע אִיז יוֹא דָא אַ מֶלֶךְ אוּן... אֵיין אֱמֶתִיר בַּעַל שֵׁם - מִיט אסאך הצלחה!!!**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-518-1095**

**1-518-329-9149**

המשך פון זייט 1

הָאט זִיךְ ר' נָתָן אָנְגֶערוּפְן: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פַארְזוּכְט, זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן עֶרֶב יוֹם טוֹב, 'בַּאשֶׁעפֶער, הַטְעִימֵנוּ טַעַם סוּכָּה' וָואסְפַארַא טַעַם מֶען קֶען דֶערמָאלְטְס שְׁפִּירְן אִין דִי סוּכָּה".

דֶערְפַאר טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג נוּצְט אוֹיס דָאס מוֹיל וָואס מֶער, בִּשְׁעַת מֶען גְרֵייט אָן דִי סוּכָּה, בֶּעטְס בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן "הַטְעִימֵנוּ טַעַם סוּכָּה - בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם סוּכָּה", "הַטְעִימֵנוּ טַעַם אַהֲבַת ה'", "הַטְעִימֵנוּ טַעַם שִׂמְחָה בֶּאֱמֶת".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן וואוּ זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעכְטִיגֶע יוֹם טוֹב, בִּפְרָט אַז יוֹם טוֹב וֶוערְט נִתְעוֹרֵר אַלֶע מִצְווֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר, אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם צוּ תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, עֶס זָאל נִשְׁפַּע וֶוערְן אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלֶע מִינֵי חֲסָדִים וִישׁוּעוֹת, מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה פוּנֶעם נָבִיא "וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה (יְשַׁעְיָהוּ יב, ג) אוּן דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיף דֶעם "עֶנְק זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ לֶערְנוּנְג (לִמּוּד) מִיט פְרֵייד פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע צַדִיקִים" בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

| | |
|---|---|
| לע"נ האברך החשוב מוה"ר אברהם ע"ה ב"ר שיבלחט"א מוהר"ר צבי לאווי הי"ו<br>שנלב"ע מוצאי ר"ה אחרי שהיה אצל רביה"ק, ג' תשרי תשפ"ב<br>ת.נ.צ.ב.ה. | לרגל שמחת הבר מצוה של הבחור שמעון שלום ראטנבערג נ"י<br>הבר מצוה תיערך בעז"ה ביום ד' אסרו חג באולם אהל פיגא רח' אדמו"ר מבעלז, בית שמש |